

## 1. די הייל

דער דאָקטער אויסטוטוויי האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן. יעדן אָפּדערנאַכט, נאָך דער אַרבעט, פלעג ער נעמען דעם שירעם און אַוועקגיין מיט זײַנע כײַעס ערגעץ אין אַ וואַלד אַרײַן אָדער אין פעלד אַרײַן. לעבן אים האָט געשפּאַנט דער שטופּשלעפּ. פונפאָרנט איז געלאָפן די קאַטשקע קיקע, פונהינטן — דער הונט אַוואַ מיטן כאַזערל כריו־כריו, און אויפן אַקסל באַם דאָקטער אויסטוטוויי איז געזעסן די אַלטע סאָווע בומבע. אַוועקגיין פלעגן זיי זייער ווײַט, און, אַז דער דאָקטער אויסטוטוויי פלעג מיד ווערן, פלעג ער זיך אויפזעצן רײַטנדיק אויפן שטופּשלעפּ.

איינמאָל האָבן זיי אויף אַ שפּאַציר דערזען אויפן ברעג יאַם אַ הייל. זיי האָבן געוואָלט אַרײַנגיין, נאָר די הייל איז געווען פאַרשלאָסן. אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ שלאָס.

— כ'וואָלט א באַלד געוואָלט צו וויסן, — האָט זיך אָנגערופן אווע, — וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער דאָזיקער הייל?

— אפּשר, אַז צוקער־לעקעכלעך, — האָט געזאָגט דער שטופּשלעפּ, וואָס האָט קיין שום זאַך אין דער וועלט אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי צוקער־לעקעכלעך.

— ניין, — האָט קיקע געזאָגט. — דאָרט איז דאָ קאַנדל־צוקער און ניס.

— ניין, — האָט כריו־כריו געזאָגט. — דאָרט איז דאָ עפּל, קנישעס און שאָקאָלאַד.

— מע דאַרף געפינען דעם שליסל, — האָט געזאָגט דער דאָקטער. — גייט זוכט אָפּ דעם שליסל.

די כייעס זיינען זיך צעלאָפן און האָבן גענומען זוכן דעם שליסל פון דער טיר. זיי האָבן געניישטערט אונטער יעדן שטיין, אונטער יעדן קוסט, נאָר דעם שליסל האָבן זיי ניט געפונען אין ערגעץ.

האָבן זיי זיך ווידער צונויפגענומען לעבן דער פאַרשלאָסענער טיר און האָבן אָנגעהויבן אריינקוקן דורך דער שפּאַרונע. נאָר אין הייל איז געווען פינצטער, און זיי האָבן גאָרנישט ניט געזען. פּלוצעם האָט זיך די סאָווע באַמבע אָנגערופן:

— שאַ! שאַ! מיר דאַכט זיך, אַז אין הייל איז פאַראַן עפּעס א לעבעדיקע זאַך. דאָרט איז אָדער א מענטש, אָדער א כייע.

אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צוהערן, נאָר זיי האָבן גאָרניט ניט געהערט. דער דאָקטער אויסטאָטוויי האָט זיך אָנגערופן צו דער סאָווע:

— מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט א טאָעס געהאַט. איך הער ניט גאָרניט.

— א כידעש! — האָט געענטפערט די סאָווע. — פאַרשטייט זיך, אַז דו הערסט ניט. באַ אייך זיינען באַ אַלעמען די אויערן ערגער פון מיינע. טסס! טסס! איר הערט? איר הערט?

— ניין, — האָבן געזאָגט די כייעס. — מיר הערן ניט גאָרניט.

— און איך הער יאָ, — האָט געזאָגט די סאָווע.

— וואָס זשע הערסטו? — האָט געפרעגט דער דאָקטער אויסטאָטוויי.

— איך הער: עפּעס א מענטש האָט אריינגעשטופּט די הענט צו זיך אין קעשענע.

— אָט דאָס איז וווּנדער! — האָט געזאָגט דער דאָקטער. — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו האָסט אַזאַ טייערן געהער! הער זיך צו ווידער־אַמאָל און זאָג, וואָס הערסטו.

— איכ הער, ווי בא דעמ דאָזיקנ מענטשנ קײַקלט זיכ איבער דער באַק א טרער.

— א טרער!—האָט א געשריי געטאָנ דער דאָקטער.—א טרער! שווינ־זשע וויינט עמעצער דאָרטנ הינטער דער טיר? מע דארפ אימ העלפנ. כ׳האָב פײַנט, אז מ׳וויינט. דערלאנג מיר א האַק. איכ׳ל צעבּרעכנ די טיר.





## 2. פענטע

דער שטופשלעפ האָט א שפרונג געטאָן אהיים און געבראכט דעם דאָקטער א שארפע האק. דער דאָקטער האָט זיך פארמאָסטן און מיטן גאנצן קויעך געטאָן א זעץ אין דער פארשלאָסענער טיר. האק! האק! די טיר איז זיך צעפלויגן אף שפענדלעך, און דער דאָקטער איז ארײַן אין הייל. אין הייל איז געווען פינצטער. דער דאָקטער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע אך, ס׳ארא מין קויטיקײַט און ס׳ארא מין קעלט... ניט קיין טיש, ניט קיין באנק, ניט קיין בענקל. אף דר׳ערד א קופע שטרוי, און אף דער שטרוי זיצט א קליין יינגעלע און וויינט מיט ביטערע טרערן.

דערזען דעם דאָקטער מיט אלע זײַנע כײַעס, האָט זיך דאָס יינגעלע דערשראָקן און נאָך שטארקער זיך צעוויינט. נאָר אז ער האָט באמערקט דאָס גוטע פּאָנעם דעם דאָקטערס, האָט ער אופגעהערט וויינען און געזאָגט:

— הייסט עס, זײַנט איר ניט קיין פיראט?

— ניין, ניין, איך בין ניט קיין פיראט! — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטער און האָט זיך צעלאכט. — איך בין דער דאָקטער אויסטוטווײ, ניט קיין פיראט. וואָס זשע, איך בין דען ענלעך אף א פיראט?

ניין, ניין, — האָט דאָס יינגעלע געזאָגט. — איר גייט טאקע מיט א האק נאָר איך האָב פאר אײַך קיין מוירע ניט. א גוטן-אָוונט. איך הייס פענטע עפשער ווייסט איר, ווו ס׳איז מײַן פאָטער?

—כ׳ווייס ניט, — האָט דער דאָקטער געענטפערט. — ווהין זשע האָט עס דײַן פאָטער געקענט אהינקומען?

— מײַנ פאָטער איז א פישער, — האָט זיכ אָנגערופנ פּענטע. — נעכטנ זײַנענ מיר ארויסגעפאָרנ אינ ים ארײַנ כאַפּנ פיש. איכ מיט אימ, אינ־צווייענ אפ א פישער־שיפל. פלוצעמ זײַנענ אפ אונדזער שיפל אָנגעפאלנ פּיראטנ אונ האָבנ אונדז גענומענ אינ געפענקעניש. זיי האָבנ געוואָלט, דער טאטע זאָל אויכ ווערנ א פּיראט, ער זאָל ראַבעווענ אונ דערטרינקענ שיפנ. נאָר מײַנ פאָטער האָט ניט געוואָלט ווערנ קיינ פּיראט. „כ׳בינ אנ אָרנטלעכער פישער אונ איכ וויל ניט זײַנ קיינ גאזלענ!“ — האָט ער געזאָגט. זײַנענ די פּיראטנ שטארק אינ כּעס געוואָרנ, זיי האָבנ אימ גע־כאַפּט אונ אוועקגעפירט, איכ ווייס ניט וווהינ, אונ מיכ האָבנ זיי פארשלאָסנ אָטאָ דאָ אינ הייל. פונ דעמלט אָנ האָב איכ ניט געזענ מײַנ פאָטער. ווו איז ער? וואָס האָבנ זיי מיט אימ געטאָנ? אפּנעמ, אז זיי האָבנ אימ ארײַנגעוואָרפנ אינ ים ארײַנ.

אונ דאָס ייִנגעלע האָט זיכ ווידער צעוויינט.

— וויינ ניט! — האָט געזאָגט דער דאָקטער. — וויינענ דארפ מענ ניט. וואָס וועט ארויסקומענ פונעמ וויינענ? לאָמיר בעסער א טראכט טאָנ, וויאזוי וואָלטנ מיר געקענט אָפּזוכנ דײַנ פאָטער. זאָג מיר, וויאזוי זעט ער אויס?

— ער האָט רויטע האָר אונ א רויטע באָרד, זייער א לאנגע.

דער דאָקטער אויסטוטווי האָט צוגערופנ די קאטשקע קיקע אונ האָט איר שטילינקערהייט געזאָגט אינ אויער ארײַנ:

— טשארי בארי טשוואַ־טשאמ!

— טשוקא־טשוק! — האָט קיקע געענטפערט.

דערהערט דעמ דאָזיקנ געשפּרעכ, האָט זיכ דאָס ייִנגעלע אָנגערופנ:

— עפּעס רעדט איר אזוי פארדרייט. קיינ איינ וואָרט פארשטיי איכ ניט.

— איכ רעד מיט די כײַעס אפ כײַיש. איכ קענ כײַיש־לאָשנ, — האָט דער דאָקטער אויסטוטווי געענטפערט.

— וואָס זשע האָט איר עס געזאָגט דער קאטשקע אײַערער?

— איכ האָב איר געזאָגט, זי זאָל מיר א רופ טאָנ די דעלפינענ.





## 3. די דעלפינען

די קאטשקע איז צוגעלאָפן צום ברעג און האָט א געשריי געטאָן אין יאם אריין.

— דעלפינען, דעלפינען, שווימט אהער! דער דאָקטער אויסטוטוויי האָט אייך געשיקט רופן.

די דעלפינען זיינען טייקעף צוגעשווומען צום ברעג און האָבן געזאָגט:

— א גוטן־אָוונט, דאָקטער, וואָס איז?

— ס'איז געשען אן אומגליק, — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — נעכטן אינדערפרי זיינען פיראטן באפאלן איינעם א פישער און האָבן אים, דאכט זיך, אריינגעוואָרפן אין וואסער אריין. כ'האָב מוירע, אז ער איז דערטרונקען געוואָרן. זייט אזויפיל גוט, נישטערט אויס דעם גאנצן יאם, עפשער וועט איר אָפזוכן דעם פישער אפן גרונט?

— וויאזוי זעט ער אויס? — האָבן די דעלפינען א פרעג געטאָן.

— א רויטער, — האָט דער דאָקטער געענטפערט. — ער האָט רויטע האָר און א לאנגע רויטע באָרד. איך בעט אייך, זוכט אים אָפ, איך דארף אים נייטיק האָבן.

— גוט! — האָבן די דעלפינען געזאָגט. — מיר זיינען גרייט צו דינען אזא באַרימטן דאָקטער. מירן אויסנישטערן דעם גאנצן יאם, מירן אויספרעגן בא אלע קרעפסן און פיש. אויב דער רויטער פישער איז דערטרונקען געוואָרן, וועלן מיר אים אָפזוכן און מאָרגעדיקן טאָג וועלן מיר דיר געבן צו וויסן.

די דעלפינען זיינען אוועקגעשווומען אין יאם אריין און האָבן גענומען

זוכן דעם פישער. זיי האָבן אויסגעניששטערט דעם גאַנצן ים אינדערלענג און אינדערברייט, אַרײַנגעקוקט אונטער יעדער שטיין, אויסגעפרעגט בײַ אַלע פיש און בײַ אַלע קרעפסן, נאָר אין ערגעץ האָבן זיי ניט געפונען דעם דערטרונקענעם.

אינדערפרי זײַנען זיי אַרויסגעשווומען אויפן ברעג און האָבן געזאָגט דעם דאָקטער אײַסטאָטוויי:

מיר האָבן אין ערגעץ ניט געפונען דעם פישער דײַנעם. מיר האָבן אים געזוכט אַ גאַנצע נאַכט, נאָר אין די ים־טיפענישן איז ער נישטאָ.

זייער שטאַרק האָט זיך דערפרייט דאָס ייִנגעלע, ווען עס האָט דער־הערט, וואָס די דעלפינען האָבן געזאָגט.

— הייסט עס, מײַן פאָטער לעבט! ער לעבט! ער לעבט! — האָט דאָס ייִנגעלע געשריגן און געפּאַטשט מיט די הענט.

— מירן אומבאַדינגט אָפּזוכן דײַן פאָטער, — האָט זיך אָנגערופן צו אים דער דאָקטער.

ער האָט אָפּגעזעצט דאָס ייִנגעלע רײַטנדיק אויפן שטופּשלעפּ און האָט אים לאַנג געקאַטײַעט איבערן זאַמדיקן ברעג פון דעם ים.





## 4. די אָדלערס

פענטע איז געווען צופרידן און גליקלעך. נאָר דערנאָך האָט ער א זיפץ געטאָן און טרויעריק געפרעגט:

— וויאזוי זשע וועסטו אָפּזוכן מײַן פּאָטער?

דער דאָקטער האָט געענטפערט:

— איכל רופן די אָדלערס. די אָדלערס האָבן שארפע אויגן. זיי זעען ווײַט. אז זיי פליִען אונטער די וואָלקנס, זעען זיי יעדער זשוקעלע, וואָס קריכט אפ דער ערד. איכל זיי בעטן, זיי זאָלן אויסקוקן די גאנצע ערד, אלע וועלדער, פעלדער און בערג, אלע שטעט, אלע דערפער,—לאָזן זיי אומעטום זוכן דײַן פּאָטער.

— גוט!—האָט פענטע געזאָגט.—אינדערגיך רופ די אָדלערס!

דער דאָקטער האָט א רופ געטאָן די אָדלערס, און די אָדלערס זײַנען געקומען צו פליִען.

— צעפליט זיך אין אלע זײַטן,—האָט דער דאָקטער געזאָגט,—און זוכט אָפּ דעם רויטן פישער מיט דער לאנגער רויטער באָרד.

— גוט!—האָבן די אָדלערס געענטפערט.—פון אזא בארימטן דאָקטערס וועגן וועלן מיר טאָן אלץ, וואָס איז מעגלעך. מירן אוועקפליִען הויך־הויך און אויסקוקן די גאנצע ערד, אלע וועלדער און פעלדער, אלע

בּערג, שטעט און דערפער און מירן זיך א סטארע טאָן אָפּצוזוכן דעם פישער דיינעם.

און זיי זיינען אוועקגעפלויגן הויך־הויך, איבער וועלדער, איבער פעלדער, איבער בּערג. און יעדער אָדלער האָט זיך גוט צוגעקוקט: עפשער איז ערגעץ פאראנען דער רויטער פישער מיט דער לאנגער רויטער באָרד.

אפ מאָרגן זיינען די אָדלערס געקומען צו פליִען צום דאָקטער און האָבּן געזאָגט:

— מיר האָבּן אויסגעקוקט די גאנצע ערד, נאָר דעם פישער האָבּן מיר ניט געפונען. און אז מיר האָבּן אים שוין ניט געזען, איז א סימען, אז ער איז נישטאָ אפ דער ערד.





## 5. דער הונט אווע זוכט דעם פישער

— וואָס זשע טוט מען? — האָט א פרעג געטאָן קיקע. — דעם פישער מוז מען אָפּזוכן, ס׳זאָל דונערן און בליצן: פּענטע בענקט זייער נאָכן טאַטן.

— וויִאזוי זשע זוכט מען אים אָפּ? — האָט א פרעג געטאָן דער שטופּ־שלעפּ. — וויבאלד די אָדלערס האָבן אים ניט געפונען, וועט אים שוין קיי־נער ניט געפינען.

אומזיסט מיינט איר אזוי, — האָט זיך אווע בייז אָנגערופן. — די אָדלערס האָבן, פארשטייט זיך, א שארפן קוק, נאָר זוכן א מענטשן קאָן נאָר א הונט. טאָמער דארפט איר געפינען א מענטשן, טוט א בעט א הונט, וועט ער אים אײַך אומבאדינגט געפינען.

וואָס באַליידיקסטו די אָדלערס? — האָט זיך כריו־כריו אָנגערופן צו אוועג. — מיינסט, ס׳איז זיי גרינג איין טאָג אויסצופליִען די גאַנצע ערד, אויסצוקוקן אַלע בערג און די פעלדער מיט די וועלדער? דו ביסט אומגעגאַנגען, פּוסט־און־פּאַס, און זיי האָבן געהאָרעוועט, האָבן געזוכט.

— זאָגסטו, הייסט עס, אַף מיר, אַז איך בין אַ פּוסטעפּאַסניק! — איז אוועג אין קאַס געוואָרן. — ווייסט כאָטש, אַז לאָמיך נאָר וועלן, איז מאָרגעדיקן טאָג געפינען איך דעם פּישער?

— אַנו, וויל, וויל, — האָט געענטפערט כריו־כריו און זיך צעלאַכט. — וועסט גאָרנישט ניט געפינען, אַבי דו באַרימסט זיך!

— בין איך, הייסט עס, לויט דיין מיינונג, אַ באַרימער? — האָט אוועג געענטפערט בייז. — נו, גוט, מירן שוין אַ סימען האָבן.

ער איז אופגעשפּרונגען פון עמ אָרט און איז צוגעלאָפן צו דעם דאָקטער.

— דאָקטער! — האָט ער געזאָגט. — טו אַ בעט פּענטען, לאָז ער דיר געבן עפּעס אַ זאַך, וואָס זיין פּאָטער האָט זי געהאַלטן אין די הענט.

דער דאָקטער איז אוועק צום ייִנגעלע און האָט געזאָגט:

— דו האָסט עפּעס אַזאַ מין זאַך, וואָס דיין פּאָטער האָט זי געהאַלטן אין די הענט?

— אָט איז, — האָט דאָס ייִנגעלע געענטפערט און האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ גרויס נאָז־טיכל אַ רויטס.

דער הונט איז צוגעלאָפן צום טיכל און האָט עס אָנגעהויבן שטאַרק ארומצושמעקן.

— סע שמעקט מיט טאַבאַק און מיט הערינג, — האָט ער געזאָגט, — זיין פּאָטער האָט געריכערט אַ ליולקע און האָט געגעסן גוטן האָלענדער הערינג. מער דאַרף איך ניט... דאָקטער, זאָג דעם ייִנגעלע, אַז ס׳וועט ניט אוועק קיין דריי טעג אַפילע, ווי איך וועל אים אָפּזוכן זיין פּאָטער. איך על ארופלויפן ארוף, אַף יענעם אָ הויכן באַרג, און אַ שמעק טאָן, וואָס פאַר אַ ווינט ס׳איז איצט אַצינדערט.

— ס׳איז דאָך אָבער פינצטער אַצינד! — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — דו קענסט דאָך ניט זוכן אין דער פינצטער.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט דער הונט געענטפערט. — אַבי איך ווייס דעם רייעך זיינעם, דאַרף איך מער גאָרניט. שמעקן קען איך אין דער פינצטער אויך...

דער הונט איז ארופגעלאָפן אפן הויכן בארג.

— היינט בלאָזט אַ ווינט פון צאָפן, — האָט ער געזאָגט. — לאָמיר א קוק טאָן, מיט וואָס שמעקט ער. שניי... א נאסער פעלצ... נאָך א נאסער פעלצ... וועלפּ... קליינע וועלפּעלעך... א רויך פון א שייַטער... א בערעזע...

ס׳קען ניט זיַין, — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטער. — דו פּילסט טאקע מיט דער נאָז אזויפיל רייכעס אין איין ווינטעלע?

— נו, געוויינטלעך, — האָט אווע געענטפערט. — יעדער הונט האָט א ווּנדערלעכע נאָז. דאָס מינדסטע הינטעלע דערשמעקט אזעלכע רייכעס, וואָס א מענטש קאָן זיי קיינמאָל ניט דערשמעקן.

און דער הונט האָט אָנגעהויבן שמעקן די לופט נאָכאמאָל. א לאנגע צייַט האָט ער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און, סאָפּקאָלסאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— ציגל... א יונגע קו... א בלעכענער דאך... קליינע שוועמעלעך אין וואלד... א וועג... שטויב, שטויב... אונ... אונ... אונ....

— לעקעכלעך? — האָט א פרעג געטאָן דער שטופּשלעפּ.

— ניין, ניט קיין לעקעכלעך, — האָט אווע געענטפערט.

— ניס? — האָט א פרעג געטאָן קיקע.

— ניין, ניט קיין ניס, — האָט אווע געענטפערט.

— עפּל? — האָט א פרעג געטאָן כריו־כריו.









— ניין, ניט קיין עפּל,— האָט אווע געענטפערט.— ניט קיין ניס, ניט קיין לעקעכלעך און ניט קיין עפּל, נאָר שישקעס פון א טענע... הייסט עס, אפ צאָפּן איז דער פישער ניטאָ. מירן צוּוואַרטן, ביז ס'וועט א בלאָזן טאָן א ווינט פון דאָרעם.

— איך גלייב דיר ניט,— האָט זיך אָנגערופן כריו־כריו,— דאָס טראַכסטו אויס פון קאָפּ. קיין שום ריי־כעס פילסטו ניט, נאָר גלאַט אזוי, בעבעסט...

— אוועק פון מײַנע אויגן!— האָט זיך אווע צע־שריגן.— אניט בײַס איך דיר אָפּ דעם עק!

— שא, שא,— האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטער אויסטוטווײַ.— הערט זיך אופ זידלען... איך זע איצ־טער ארויס, מײַן ליבער אווע, אז דו האָסט טאַקע בעעמעס א וואונדערלעכע נאָז... לאָמיר צוּוואַרטן, ביז ס'וועט זיך איבערבײַטן דער ווינט. און אצינד— אהיים. אײַלט אײַך! פּענטע ציטערט און וויינט. ס'איז אים קאַלט, ער וויל שטאַרק עסן. מע דאַרף אים אָנהאָדעווען און באַלייגן שלאָפן, אונטער א קאָלדרע. נו, שטופּשלעפּ, שטעל אונטער דעם רוקן. פּענטע, זעץ זיך אופ רײַטנדיק און האַלט זיך שטאַרק פאַר די הערנער. אווע און קיקע, אהיים!













  

## 6. אווע זוכט ווײַטער דעמ פישער

דעמ צווייטנ טאָג, קאיאָר, איז אווע ווידער ארופגעלאָפנ אפנ הויכנ בּארג אונ האָט אָנגעהויבנ שמעקנ דעמ ווינט. דער ווינט האָט געבּלאָזנ פונ דאָרעמ. אווע האָט לאנג געשמעקט אונ, ענדלעכ, געמאָלדנ:

— סע שמעקט מיט פּאָפּוגײַעס, מיט פּאלמעס, מיט מאלפּעס, מיט רויזנ, מיט ווײַנטרויבּנ אונ מיט יאשטשערקעס. נאָר מיט קיינ פישער שמעקט ניט...

— אנו, טו נאָכ א שמעק! — האָט זיכ אָנגערופנ בּומבּע.

— סע שמעקט מיט זשיראפּעס, מיט טשערעפּאכעס, מיט שטרויסנ, מיט הייסע זאמדנ, מיט פּיראמידעס... נאָר מיט קיינ פישער שמעקט ניט...

— דו וועסט קיינמאָל ניט אָפּזוכנ דעמ פישער! — האָט כריו־כריו זיכ צעלאכט. אפּי דו האָסט זיכ בּארימט!

אווע האָט גאָרניט געענטפערט. נאָר אפּ מאָרגנ איז ער קאיאָר ווײַטער ארופגעלאָפנ אפנ הויכנ בּארג אונ בּיז נאכט געהאלטנ אײנ איינ שמעקנ די לופט. שפּעט אפדערנאכט איז ער צוגעלאָפנ צומ דאָקטער, וואָס איז געשמאק געשלאָפנ מיט פענטעס אינײנעמ.

    

    

— שטיי אוף, שטיי אוף! — האָט ער א געשריי געטאָן. — שטיי אוף! כ'האָב געפונען דעם פישער! כאַפּ זיך שוין אוף אמאָל! גענוג צו שלאָפן. הערסט: כ'האָב געפונען דעם פישער. איך פיל דעם רייעך זיינעם. יאָ! יאָ! דער ווינט שמעקט מיט טאַבאַק און מיט הערינג!

דער דאָקטער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַוועקגעלאָפן נאָכן הונט.

— פונעם ים בלאָזט א מיזרעכדיקער ווינט, — האָט דער הונט געשריגן. — און איך פיל דעם רייעך פונעם פישער. ער איז אויף יענער זייט ים, אויף יענעם ברעג ים. גיכער, גיכער קום אהין!





אַווע האָט אזוי שטאַרק געבילט, אז אלע חיות האָבן זיך א לאָז געטאָן אויפן הויכן באַרג. און צוזאַמען מיט זיי — פּענטע אויך.

— אינדערגיך לויף צום פישער ראָבינזאָן, — האָט אַווע א געשריי געטאָן צום דאָקטער, און בעט אים, ער זאָל דיר געבן די שיף. גיכער, וואָרעם ס'וועט זיין שפּעט!

דער דאָקטער האָט זיך טייקעף געלאָזט לויפן צו יענעם אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען ראָבינזאָנס שיף.

— א גוט מאָרגן דיר, פּישער ראָבּינזאָן! — האָט דער דאָקטער א געשריי געטאָן. — זײַ אזוי גוט, אנטלײַ מיר דײַן שיף! איך דארף זיך ווידעראַמאָל אוועקלאָזן אינ יאַם אריַין צוליב זייער א וויכטיקן איניען.

— בּיטע! — האָט ראָבּינזאָן געענטפערט. — נאָר זאָלסט זיך היטן, די פּי־ראַטן זאָלן דיך ניט פּאַקן. די פּיראַטן זײַנען געפערלעכע מערדערס. זיי וועלן דיך צונעמען אינ געפענקעניש, און די שיף מײַנע וועלן זיי אונ־טערצינדן אָדער דערטרינקען.

נאָר דער דאָקטער האָט ניט געהערט זײַנע רייד. ער איז ארופ אפ דער שיף, האָט ארײַנגעזעצט פּענטען מיט אלע חײַעס און אוועקגעשמיסן אינ אָפענעם יאַם.

אווע איז ארופגעלאָפן אפ דער שיף־דעק און האָט א געשריי געטאָן צום דאָקטער:

— זאקסארא! זאקסארא! קסו!

אפ היניטיש לאָשן הייסט עס:

— קוק אפ מײַן נאָז! אפ מײַן נאָז! וווהינ איכל א דריי טאָן די נאָז, אהינ זאָלסטו פירן די שיף.

דער דאָקטער האָט צעלאָזט די זעגלען, און די שיף איז אוועק נאָך שנעלער.

— גיכער, גיכער! — האָט דער הונט געשריגן.

די שיף איז שנעל געלאָפן איבּער די כוואליעס.

די חײַעס זײַנען געשטאַנען אפ דער שיף־דעק און האָבּן געקוקט אינ דער ווײַט, עפּשער וועלן זיי דערזען דעם פּישער.

נאָר פּענטע האָט זיך ניט געוואָלט גלייבּן, אז זײַן פּאָטער זאָל זיך אָפּ־זוכן. ער איז געזעסן מיט אנ אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט געוויינט.

ס'איז צוגעפאלן די נאכט. ס'איז געוואָרן פינצטער. האָט זיך דער דאָקטער אָנגערופן צום הונט:

— ניינ, אווע, דו וועסט דעם פּישער ניט אָפּזוכן. א ראכמאָנעס אפ פּענטען, נעבּעך, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? מע דארף זיך אומקערן אהיים.

און דער דאָקטער האָט שוינ געוואָלט אויסקערעווען די שיף. פּלוצעם האָט די סאָווע בּומבּע, וואָס איז געזעסן אפן מאסטבּוים און האָט געקוקט אינ דער ווײַט, א געשריי געטאָן:

— איכ זע א גרויסן פעלדז — אָטאָ דאָרטן, ווײַט־ווײַט!

— אינדערגיכ אהינצו! — האָט דער הונט א געשריי געטאָן. — דער פּי־